הומאר וויץ סאטירע.

# שבת אויבס.

## איך בין בײדע.

נאכגעמאכט נאך א רוסיש פאלקס ליעדעל.

דער טערקישער סולטאן איז גליקליך אודאי
מיט ווייבער און ווייבלעך מאכט ער זיך פרעהליך.
פראוועט מלוכה און פיהרט זיך געשעפטען
און האט א גוד טיים פון הארעם מיט מיידלעך.

איך וויל זיין סולטאן!

און אפשר נאר ניין?! אט גיט נוה א טראכט.
א טירקישער סולטאן פערלאנגען צו זיין
איז דאך שגעון. דער הייליגער קאראן
פערביט דאך שטרענג, ניט טרינקען קיין וויין.

איך וויל קיין סולטאן!

א רוימישער פאבסט, דאס איז שוין גאנץ אנדערש,
קענסט טרינקען און גיסען ווי ס'דיין ווילען,
קריגסט פעק מיט פאזיטען, טארבעס מיט גאלד
און דו — אנשטאט ברכות — קענסטו גאר בילען.

כ'וויל זיין א פאבסט!

און אפשר נאר ניין? צו ווערען א פאבסט,
א רוימישער קנעכט צום הייליגען זכר,
בין איך דאך מהויב, לויט ס'הייליג געזעץ,
צו לעבען ביחידות און זיין אייביג א בחור.

איך וויל ניט קיין פאבסט!

טו וואס זשע דען טהו איך? גרויסער בעל תאוה,
איך האב דאך פארט ליעב אי פרויען אי וויין?
דאן ווער איך א מייסטער, א מאכער פון קונץ
און מוז אי א פאבסט, אי א סולטאן זיך זיין:

טרינק איך זיך אן מיט וויין פולע כוסות,
בין איך דער פאבסט, דער הייליגער, דאן.
און טאנץ איך מיט מיידלעך, מיט שעהנע א סך,
בין איך אהן צווייפעל דער געקרוינטער סולטאן.

---


## די בעסטע שרייב מאשין אין דער וועלט.

די נייע „15 קאראט" ל. ס. סמיטה און בראס. שרייב מאשין.

The New "15 Jewel" L. C. Smith & Bros. Typewriter.




מיר ערזוכען אייך העפליכסט צו זעהן דיעזע נייע 15 קאראט' מאדעל נומער 5 מאשין בעפאר איהר קויפט זיך א שרייב מאשין. אונזער מאשין איזווירקליך די בעסטע וואס איהר קענט קויפען פאר געלד. איהר קענט זי אויך קריגען אויף לייכטע אויסצאהלונגען. מיר האבען אויך אנדערע זעהר בילינע שרייב מאשינען צו פערקויפען.

**The Smith Visible Typewriter Co. Limited.**

20 Princess Street — Phone Garry 4975

N. WEXLER, Manager. — נ. וועקסלער, מענעדזשער.


---

## אַ נאַציאָנאַל פאָנד קאַמפּײן תשעה באָב

א קאמפיין צו גונסטען דעם נאציא־נאל פאנד ווערט ארגאנזשירט פון די היגע בני ציון. די וואך פון תשעה באב וועלען פערשפרייט ווערען סירקולארס און ליפלעטס וועגען נאציאנאל פאנד. אויף תשעה באב האבען פאלגענדע חברים זיך אבגערופען אבצוגעבען דעם טאג פארן נאציאנאל פאנד: חברים העיליק און קאפלאן זיינען בעשטימט צו בעזוכען דעם ביזנעס און רעזידענס אין אידישען דיסטריקט פון כאוטה אף די סאבוויי, א. אפאווסקי און ש. שטע־רענבערג — וועסט פון מיין סטריט דאפרין, סטעלא, פלארא און סעלקירק; שילער און סערעפין — איסט פון מיין סטריט און פריטשארד און מאניטאבא. עס פעהלען נאך איניגע חברים און זיי זיינען אויפגעפאדערט זא שנעל זיך צו מעלדען צום פרעז. אדער סעקרעטאר.

---


**פאטאגראפער.**

צו יעדען נאנצען אדער האלבען דאזען בילדער, בעקומט איהר זעקס פאסטיל קארדס בילדער פריי.

Smith's Art Gallery, 405 Selkirk Avenue

---

# ל. האלפעני
## פלאמבינג און היטינג.

ווען איהר נעהמט בילדען, בעראטה זיך מיט מיר.

883 מיין סטריט

אפיס פהאן סט. דזשאהן 1830

רעזידענס פהאן סט. דזשאן 2217

---

**שעהנע פרינטינג ברענגט קונים.**

גוטע און שלעכטע פרינטינג קאסט אייך איין געלד. מיר מאכען שעהנע פרינטינג אויף אלע שפראכען אהן מיסטייקס.

**The Modern Printing Co.**
M. Glucksberg, Prop.
318 Hargrave St.
Phone Main 3040

---

**צו פערקויפען** א הויז פון גרויסע 5 ליכטיגע רומס, באד, זומער קיטשען, סעלער מיט צעמענט פלאר, סטייבעל פאר 5 פערד, טשיקען הויז, גרויסער וואוד שעד, לאט 132x25 צו ליין. פרייז $2,500 (500$ קעש, באלאנס — לויט ארענדזשמענטס), קליער טייטעל. נאכ־פרעגען ביי ה. קאפלאנאוויטש, 536 סט. דזשאהן עוועניו, פהאן סט. דזשאהן 892.


---

**פערזענליכעס.**

איך בין א יונגערמאן (און אלמן) 35 יאהר אלט, האב א גרויסע פארם און אפיסעל געלד, קיינע קינדער, קען גוט ענגליש, בין גוט בעלעזען, ראדיקאל געזאנען, זוך די בעקאנטשאפט מיט א מיידעל אדער אלמנה ניט עלטער פון מיר. בין גרייט צו פערלאזען די פארם. קיינע שדכנים. שריפטליך זיך ווענדען

The Israelite, For N. N., 796 Main St. (22

---


## אַ אידישער לאַנג פראַקטיצירטער זעצער.

האב געארבייט 4 יאהר אין לאנדאן ביי דעם „היהודי' (העבראישעס וואכענשריפט), האב געארבייט אין פילע אנדערע אידישע צייטונגען.

**בין א ספעציאליסט אין מיין פאך סיי אויף דזשאבס און סיי אויף גרויסע ארבייט.**

ווענען מיין קומען, פרייז און ד. גל. קען ארראנזשירט ווערען מיט'ן רעדאקטאר פון „איד".

---




פאָרטרעפליך גוט זיינען
די א
## העססען סיגאַרעטס

אָריענטאַלער סמוק
10 שטיק פאַר 10 סענט.

---

אזוי האָבען ב. מילער און י. הורעוויטש געזאָגט:

# על הכל עת,

ניט אלע מאל דארף א מענש האלטען אין איין גריבלען זיך און וועלען דערגעהן די סוד הסודות פון דער וועלט. ס'זיינען דא אויך צייטען ווען לאַכען איז נויטיג און איז די בעסטע רפואה פאר פערטרייבען פון זיך אלע זארגען און מרה שחורות. אלזא, לאכט און די וועלט וועט מיט אייך מיטלאכען. אבער אום געזונד לאכען אז אייער נשמה זאל זיך טובל זיין אין די מים חיים פון אייער געלעכטער, דאן לעזט דעם

# גרויסען קונדס

ערשיינט איין מאל אין וואך און קאסט בלויז 5 סענט.

צו בעקומען אין

**פיפעלס בוק סטאָר, 824 מיין סטריט**
**און אין אונזער ברענטש 571 סעלקירק עוועניו.**

פהאן סט. דזשאהן 143

אונזערע סטארס זיינען אפען — אויך זונטאג — ביז 12 דעם זייגער אבענד.

---

## לערנט זיך צו זיין אַ ריכטיגער ביזנעסמאַן!

יעדער קליינער ביזנעסמאן דארף וויסען צו יעדער צייט וויפיעל ער פערמאגט, וויפיעל מען איז איהם שולדיג און וועמען ער איז שולדיג. יעדער קליינער ביזנעסמאן דארף פיהרען ריכטיגע ביכער.

**פאר א קליינער פרייז קענט איהר אויספיהרען אז איך זאל קומען צו אייך איין מאל אדער צוויי מאל אין וואך און אייך איינפיהרען ביכער ווי אין די גרויסע אפיסעס.**

איך גיב אויך לעסאנס אין בוק־קיפינג אין אידיש און אין ענגליש.

מיין אדרעס איז:

ARON GOLDMAN, c. o. THE "ISRAELITE",
796 Main Street

# זונטאג 28סטען דיעזען מאנאט 13.0 נ. מ.

## וועט מיט גרויס פאראד און צערעמאני געלעגט ווערען

# דער קארנער שטיין

פון

# דער נייער תלמוד תורה

### אויף קארנער פלארא און טשארלס סטריט.

דאס איז דער פלאן




פון דער נייער ת״ת

דער רב רבי י. כהנאוויטש, פרעזידענט ר. ס. ראבינסאן און פיעלע אנדערע בעוואוסטע רעדנער וועלען אדרעסירען דאס פובליקום.

די צערעמאני וועט בעגלייטעט זיין מיט א גרויסארטיגען, פראכטפאלען ארקעסטער מיוזיק. די ווינקעל שטיינער וועלען פערקויפט ווערען פער אקשען. דער וואס וועט מנדב זיין 100 דאל. וועט זיין נאמען אויסגעקריצט זיין אויף א מארמארנעם טאוועל מיט גאלדענע בוכשטאבען.

די 100 דאלאר קענען אויסגעצאהלט ווערען: 25 דאלאר קעש און דאס איבעריגע אויף 15 חדשים.